# רבי אביגדור ענטפערט...



שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות, און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

**הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב**
**רבי אביגדור מיללער זצ"ל**

ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

*וישלח*
*תשפ"ג לפ"ק*
*גליון רמ"ט*

**פראגע**

## פארוואס איז יעקב אליינס געגאנגען צוריקברענגען די "פכים קטנים", פארוואס האט ער נישט געזארגט פאר זיין אייגענע זיכערהייט ווי איידער אהינגיין? און פארוואס האט ער נישט געשיקט א צווייטן?

### ענטפער:

**דאס** איז א גמרא (צא.): **"צדיקים חביב להם ממונם יותר מגופם"** – פאר צדיקים איז זייער געלט מער באליבט ווי זייער קערפער. יעצט דאס קען אויסקוקן מאדנע פאר מענטשן, אבער דער פשט איז אזוי: עס איז נישט קיין פראגע אז זייער קערפער איז די טייערסטע פארמעגן וואס מען פארמאגט, און אויב וואלט געווען אן עכטע סכנה וואלט יעקב נישט געגאנגען.

אבער איר דארפט אינאכט נעמען אז אויב יעקב וואלט אנגעטראפן א מענטש אין דער טונקל, וואלט 'יענער' מענטש געדארפט מורא האבן... איר דארפט וויסן ווער יעקב איז געווען. איר געדענקט ווען יעקב האט אליינס אראפגענומען דעם שטיין פונעם ברונעם? **"וגללו את האבן מעל פי הבאר"** – עס האט זיך אויסגעפעלט אסאך פאסטוכער צו קענען אראפנעמען דעם שטיין, און יעקב האט עס אליינס אראפגענומען. רש"י זאגט, ווי מען נעמט אראפ א שטאפער פון א באטעל.

יעקב איז געווען א **לייב**! און ער האט נישט מורא געווען פון באגעגענען א לייב, פונקט ווי דוד האט נישט מורא געהאט. ווען דוד האט באגעגנט א לייב, האט ער אים אנגע'מקל'ט. עס שטייט **"גם את הארי והדוב הכה עבדך"** (שמואל-א יז, לו), דוד האט צעשלאגן א לייב און א בער; זיי זענען געווען מאכטפולע מענטשן. יעקב האט נישט מורא געהאט; ער האט נאר נישט געוואוסט אז א מלאך ווארט אים אפ. א מלאך איז שוין אן אנדערע מעשה.

דערפאר איז עס בלויז געווען א שאלה פון אומבאקוועמליכקייט. אודאי איז די באקוועמסטע זיך נישט אנצוהייבן מיט קיינעם. אבער וויבאלד ער איז געווען א געטרייער גבאי, א געטרייער גיזבר פאר הקדוש ברוך הוא'ס געלט, האט ער עס במילא געטון.

יעצט פארוואס האט ער נישט געשיקט קיין צווייטן? ווייל יעקב האט געוואוסט אז אויב שיקט ער איינעם פון די קנעכט, וואלט יענער צוריקגעקומען זאגן: "איך האב עס נישט געקענט טרעפן". עס איז טונקל און עס איז א סכנה. דערפאר האט עס יעקב אליינס געטון, ווייל ער איז געווען אן **עבד נאמן**, א געטרייער אפוטרופוס.

**פראגע**

## מיר מאכן א ברכה "אשר יצר" צו דאנקען השי"ת פאר די מתנה פון קענען אויסליידיגן שמוץ פון אונזער קערפער. פארוואס מאכן מיר נישט די זעלבע ברכה נאכן סניזן אדער אויסבלאזן די נאז?

### ענטפער:

**און** דער ענטפער איז – פארוואס מאכן מיר נישט קיין ברכה פאר'ן אטעמען? יעדע מאל מען אטעמט, איז עס זייער וויכטיג. ווען מען אטעמט אריין אקסיגין אדער ווען מען אטעמט ארויס די קארבאן דיאקסייד פון די לונגען, איז עס א געוואלדיגע מתנה פונעם אויבערשטן.

אבער דער ענטפער איז אז מען קען נישט מאכן א ברכה יעדע מינוט. "אין הקדוש ברוך הוא בא בטרוניא עם בריותיו" – דער אויבערשטער איז נישט קיין טיראן, וועלכער מאכט דיר מאכן ברכות אגאנצן צייט. און דערפאר האבן די חכמים

אונז מחייב געווען צו זאגן ברכות בלויז אין געוויסע, מער וויכטיגע געלעגנהייטן.

אבער אודאי ווען א מענטש סניזט אדער בלאזט זיין נאז, אויב איז ער דאנקבאר פאר השי"ת, איז עס זיכער א גוטע מחשבה צו האבן אין קאפ. ער זויבערט אויס זיין נאז פון קרייצעניש. ער סניזט, ער נעמט ארויס עפעס וואס באדערט זיין נאז-דורכגאנג. איר ווילט עס טון? איר ווילט זיין דאנקבאר און אים דאנקען? זייער גוט! כל המוסיף מוסיפין לו. איר ווילט זיין א חסיד און גיין לפנים משורת הדין? זייער גוט.

אבער די מינימום איז אז ווען איר מאכט "אשר יצר" מאכט עס כאטש מיט כונה. טראכט, "וואספארא ווונדערליכע נס האט אט יעצט פאסירט!"

במילא אז איר זוכט נאך מצות, טוט עס! אבער די חכמים קענען נישט אנלאדענען דעם גאנצן אידישן פאלק מיט ברכות פאר יעדע קליינע געשעעניש אין לעבן. (E-1 #)

## פראגע

## וויאזוי קען איך איבערקומען דעפרעסיע?

## ענטפער:

**עס** ווענדט זיך אין עטליכע מצבים, קודם כל וואספארא סארט מענטש פרעגט די שאלה – די יארגאנג, די געזונט, די ספאציאלע מצבים פון דעם מענטש. אבער אויב דארפן מיר געבן א כלליות'דיגער ענטפער, איז נישט קיין שאלה אז זיך צו האלטן **פארנומען** איז די בעסטע מעטאד איבערצוקומען דעפרעסיע.

עס זענען אויך דא געזונטע מחשבות וואס א מענטש קען זיך איוסלערנען, אבער זיי נעמען צייט. עס זענען דא מעדיצינען, אבער דאס פארלאנגט א דאקטער. אבער דאס איז איין זאך צו וואס יעדער איז מסכים; אז אויב דער מענטש ווערט פארנומען און האט נישט קיין צייט צו טראכטן, דאס איז די בעסטע טעראפי.

יעצט, עס איז דא א סיבה דערצו. דער מענטשליכער מין איז געבויט סיי פיזיש און סיי גייסטיש אין ווען וואס זענען ספעציפיש פאר די מענטשליכע ראסע. איינס פון די ספעציעלע אייגנשאפטן פון די מענטשהייט איז אז "עצלות" און "עצבות" גייען צוזאמען; פוילקייט און טרויער ארבעט אינאיינעם.

מען זעט דאס אין די גמרא. און דאס איז איין סיבה פארוואס די גמרא זאגט אונז "גדולה המלאכה שמחממת את בעליה" – ארבעטן איז געוואלדיג ווייל עס ווארימט אן דעם מענטש וואס ארבעט. עס איז א שפיל אויף ווערטער פון די משנה, וואס זאגט "שמכבדת" את בעליה, אז עס ברענגט כבוד פאר'ן מענטש וואס ארבעט. צו דעם לייגט די גמרא צו "מחממת", אבער עס איז א מורא'דיגער אמת; עס ווארימט אן א מענטש. דאס מיינט אז גיבט אריין אין אים ענטוזיאזם.

דער באשעפער האט געמאכט אז דער מענטש זאל זיין אן **ערררייכער**; ער זאל שטרעבן **אויפצוטון**. יעצט די אמת'ע ערררייכטונגען זענען אין רוחניות. די אמת'דיגע דערגרייכטונגען איז וואס א מענטש טוט אויף מיט זיין נשמה; דאס מיינט מעשים טובים און איבער אלעם – תורה און מצוות.

אבער דאך, ווען א מענטש טוט עפעס וואס קוקט אויס ווי ער טוט עפעס אויף, ווי למשל לייגן ציגל אדער נייען קליידער, סיי-וואס מען דארף באשאפן עפעס ניי, שפירט דער מענטש א געפיל פון ערררייכונג. און הגם ער ערפילט נישט דערמיט די הויפט דערגרייכונג פון לעבן – עס איז בלויז א שאטן אדער א שטעל-פארטרעטער פאר אמת'ע ערררייכונגען, אבער אין א געוויסן זין באראויגט עס די לעכצעניש פון די נשמה. דעריבער ווערן מענטשן פריילין ווען זיי טוען עפעס – אפילו זיי טוען זאכן וואס בעצם איז עס כמעט ווערטלאז. דערפאר איז זייער וויכטיג צו זיין פארנומען.

יעצט ווען א מענטש זיך אפרעדן, "אבער וויאזוי קען איך בכלל טון עפעס? איך האב נישט קיין מוט גארנישט צו טון." עס איז די זעלבע ווי צו זאגן: "איך בין אזוי שוואך, איך האב נישט די גייסט זיך ארויסצושלעפן פון וואסער ווען איך דערטרענק מיך!"

דו זאלסט בעסער איינזאמלען ענערגיע און הייב אן שווימען מיט שטארקע כוחות. טו עפעס בעפאר דו גייסט ארונטער! די זעלבע איז ווען איינער איז צו שוואך צו טון עפעס; די ערשטע זאך איז – טו עס! סיי-וואס עס איז. און דאס וועט דיר ארויסנעמען פון דיין גייסטישע שוואכקייט.

עס איז נישט דא אזא זאך אז א מענטש זאל זיין פריילין ווען ער איז גענצליך נישט פארנומען. קיינער קען דיר נישט געבן א בעסערע עצה, אפילו אויב ער נעמט הונדערט דאלאר א שעה. (474 #)

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו Signup@TorasAvigdor.org, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com
Simchas Hachaim Publishing (SHP) is the official publisher of Rabbi Avigdor Miller's books and lectures.
SHP is a project of Yeshiva Gedolah Bais Yisroel. Visit us at simchashachaim.com



דער צווייטער באנד!
פונעם העכסט-פאפולערן ספר
וואס איז צעבאפט געווארן און
באלאכטן די אויגן פון טויזנטער אידן
ארויס פון דרוק!
מהדורת שלמה
רבי אביגדור
ענטפערט
2
אייגנארטיגע תשובות אין אלע תחומי החיים לויט די ריינע תורה השקפה
אידיש!
פרישע הונדערטער
פראגעס און ענטפערס
אין אלע תחומי החיים, יהדות, השקפה,
עצות, לויט די לויטערע תורה השקפה
דערקוויקט אייער
מח און נשמה!
פאר גרעסערע באשטעלונגען, האלסעיל און מוסדות התורה, רופט: 845-625-2973


בס״ד
שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים
וועכענטליך אויף אימעיל
עוֹנֶג שַׁבָּת
אידיש
תזריע-טהרה
נאר אידיש
עוֹנֶג שַׁבָּת
לה״ק-אידיש
תזריע-טהרה
לה״ק אידיש
$4.00
מַרְגְּנִיתִין
לקט מובחר מגליונות בלשון הקודש על
פ׳ שמיני
נאר לשון הקודש
זמירות שבת
$1
א וואך
מועדים $3
ברילאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק
זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782
אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

# באשיינט אייער
# שמחה,
# שבת התוועדות

- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

קאסטום לויט אייער געשמאק











צו באשטעלן רופט:

**מערכת להתענג 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

# עונג שבת/גוט שבת שע"י מערכת להתענג

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז 1$ א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8OzcjI4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

כל טוב